# עונג שבת

## פרשת ויקרא תשס״ז

גוט שבת אלע אידן. בנימין קליינמאן (נישט זיין עכטע נאמען) האט געהאט א שווערע לעבען אלס קינד. זיין מאמע איז געווארן א בעלת תשובה א שטיק צייט נאך בנימין איז געבוירן געווארן, אבער זיין טאטע איז נעבעך געבליבן פריי. זיין מאמע האט אים אויפגעהאדעוועט אלס א פרומער איד. ער איז געגאנגען לערנען אין ישיבות און ער האט געהיטן אלע מצוות. דער קליינער יונגעל ״בעני״, אזוי ווי זיינע חברים האבן אים גערופן, איז אבער געווען צוטומעלט, ווייל זיין טאטע האט גאר נישט געהיטן קיין תורה און מצוות, רח״ל. בעני האט נישט געוואוסט אויב ער זאל זיין ערליך אדער נישט.

איין טאג ווען בעני איז געווען בערך 11 יאר אלט, איז געקומען וואוינען א משפחה פון שווארצע גוים אין א הויז נעבן אים. די געגענט וואו בעני האט געוואוינט איז נישט געווען קיין אידישע געגענט, אבער עס איז געווען א שטילע געגענט. אבער, ליידער האט זיך אלעס געטוישט ווען די משפחה פון שווארצעס איז געקומען וואוינען אין די געגענט. ווייל די שווארצעס האבן געהאט א יונגל וואס איז געווען אזוי אלט ווי בעני. און עס האט נישט גענומען לאנג ביז בעני האט זיך גע׳חבר׳עט מיט דעם שווארצע יונגעל ״קלעירענס.״

אפילו קלעירענס איז נישט געווען מער ווי 11 יאר אלט, האט ער שוין אנגעהויבן זיין קאריערע אלס גנב. קלעירענס האט געהאט קלעבעדיגע הענט, ער האט נישט געקענט ארויסגיין פון א געשעפט אן צו גנב׳נען עפעס פון געשעפט. קלעירענס איז אפילו געווען אין תפיסה אפאר מאל ביי די 11 יאר! ווייל די פאליצייי האבן אים געכאפט גנב׳נען זאכן פון געשעפטן אין די געגענט. בקיצור, קלעירענס איז געווען ״א חבר רע״ פאר בעני. כאטש בעני האט דעמאלט געלערנט אין ישיבה, און ער האט געהיטן תורה און מצוות, איז ער צוביסלעך צוגעשלעפט געווארן צו קלעירענס׳ שלעכטע וועגן. בעני האט אנגעהויבן צו פארפאסן טעג אין ישיבה. נישט לאנג דערנאך איז בעני ארויסגעגאנגען פון ישיבה און ער איז געגאנגען אין פאבליק סקול אריין מיט קלעירענס און אלע טמא׳נע גוים, רח״ל. און נישט לאנג דערנאך איז בעני אינגאנצן אראפגעגאנגען פון אידישן וועג, רח״ל.

פארשטייט זיך אז בעני׳ס מאמע איז געווען צובראכן, אבער זי האט גאר נישט געקענט טון. עס איז געווען צו שפעט, ווייל קלעירענס האט שוין געהרג׳עט בעני׳ס נשמה, רח״ל. ביז בעני האט געענדיגט סקול, האט ער קוים געדענקט אז ער איז אמאל געווען א פרומער איד. ער איז געגאנגען ארבייטן און ער האט זיך אויפגעפירט ווי א גוי. זיין חבר קלעירענס איז געגאנגען וואוינען אין אן אנדערע שטאט, ווייל די פאליציי אין די געגענט האט אים שוין צו גוט געקענט. בעני האט געהאלטן א קשר מיט קלעירענס אבער נאך א פאר יאר האבן די צוויי שוין נישט געהאט קיין שייכות איינעם מיט׳ן צווייטן.

כאטש בעני איז געווארן אינגאנצן פריי איז ער אבער ב״ה נישט געווארן א קרימינאל אזוי ווי דער שווארצער גוי קלעירענס. קלעירענס האט ממשיך געווען אין זיינע שלעכטע וועגן און ער איז געווארן א גרויסער קרימינאל. פאר קלעירענס איז עס שוין נישט געווען גענוג צו גנב׳נען קלייניגקייטען פון געשעפטן, נאר קלעירענס האט אנגעהויבן צו טון אסאך ערגערע פשעים, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

איין טאג עטליכע יארן שפעטער, האט בעני באקומען א טעלעפאן קאל פון קלעירענס. קלעירענס האט גערעדט מיט אן ערנסטע שטימע. ״בעני, דא רעדט קלעירענס. איך בין יעצט ארויס פון תפיסה, און איך האב געוואלט רעדן מיט דיר וועגן עפעס.״

״נו, לאמיר הערן קלעירענס, וואס זאגסטו?״ האט בעני זיך אנגערופן צו זיין חבר קלעירענס. ״הער צו,״ האט קלעירענס געזאגט ווייטער, ״לעצטענס האב איך געהאט אסאך צייט צו טראכטן, און איך האט געטראכט אזוי... איך האב מורא אז אויב איך גיי ווייטער טון אלע קרימינאלישע זאכן אזוי ווי איך האב געטון ביז יעצט, וועלן די רעגירונג מיך סוף כל סוף געבן טויט שטראף...״ עס האט געהערשט א שטילקייט, און אביסל דערנאך האט קלעירענס אנגערופן: ״איז וואס זאל איך טון? איך האב זיך דערמאנט אז דו ביסט אמאל געווען אידיש, דו געדענקסט?״ האט קלעירענס געפרעגט בעני. ״יא, איז וואס?״ האט בעני געזאגט זייער צומישט.

״אין אלע מיין יארן אין תפיסה, האב איך נישט געזען אזוי סאך אידן אין תפיסה. און נאך מער, איך געדענק ווען איך בין געווען ביי דיר אינדערהיים. דעמאלט ווען מיר זענען געווען קינדער, האב איך געזען ווי ערליך דיין מאמע איז געווען. אפילו זי האט מיך אזוי שטארק פיינט געהאט, געדענק איך ווי אזוי האט זי געדאווענט און זי האט אויפגעפירט אזוי ערליך. וועגן דעם, וויל איך ווערן א איד.״

בעני איז געווארן איבערראשט. קלעירענס, דער שווארצער גוי וואס איז געווען א קרימינאל פון ווען ער האט געקענט קריכען, ״דו ווילסט וואס?״ האט בעני געזאגט פאר קלעירענס מיט אן ערשטוינטקייט. ״יא, דו האסט ריכטיג געהערט, איך וויל זיין א איד.״

קלעירענס האט זיך טאקע מגייר געווען נאך עטליכע שווערע יארן וואס דער בית דין האט אים געפראוווט צו זען אויב ער וויל באמת מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים. קלעירענס האט זיך מגייר געווען כדת און כדין. נאך זיין גירות, האט קלעירענס געטוישט זיין נאמען צו ״אברהם.״ קלעירענס האט געלערנט אז די תורה רופט אברהם אן ״עברי״ וואס איז א בחינה פון ״עבר״, ד״ה אריבערגיין צו דעם אנדערען זייט. וויבאלד קלעירענס האט געטוישט זיין גאנצן לעבן, האט ער אויך געטוישט זיין נאמען צו ווייזן אויף זיין פרישע מציאות. דערנאך איז אברהם געגאנגען לערנען אין ישיבה אין ארץ ישראל.

איין טאג א שטיק צייט נאכדעם וואס קלעירענס האט זיך מגייר געווען, האט אברהם גערופן בעני, ווייל אברהם האט געוואלט מקרב זיין בעני, זיין חבר פון יארן צוריק. די צוויי האבן געשמועסט אביסל אויפ׳ן טעלעפאן, און אברהם האט פארגעלייגט פאר בעני אז ער זאל קומען קיין ארץ ישראל צו לערנען אין א ישיבה. כאטש בעני איז נעבעך געווען גאר ווייט פון אידישקייט, האט ער געשפירט א ליידיגקייט אין זיין נשמה. אבער, ליידער, האט בעני׳ס יצר הרע אים צוריקגעהאלטן, און ער האט נישט מסכים געווען. ביז איין טאג ווען אלעס האט זיך געטוישט...

פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון דער פרשה וועלכע זענען נוגע צו אונזערע מעשה. די עיקר פון דער פרשה די וואך איז די קרבנות. דער ציל פון א קרבן איז צו מקרב זיין א איד צום אייבערשטען, אזוי ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט ״קרבן״ וואס האט אין זיך דאס ווארט ״קרוב״ – נאנט. דער מעשה ווייזט אויף א מורא׳דיגען אופן ווי איין איד איז מקורב געווארן צום רבונו של עולם.

און יעצט צוריק צו אונזער דראמאטישע מעשה... נאך א שטיק צייט האט זיך בעני יא מתגבר געווען אויף זיין יצר הרע און ער איז געפארן לערנען אין א בעל תשובה ישיבה אין א״י. בעני איז געווארן א בעל תשובה גמור! היינט זענען בנימין (בעני) און אברהםביידע ערליכע אידן מיט משפחות און קינדער. ווען איינער קומט אריין אין בית מדרש און זעט בנימין מיט אברהם לערנען צוזאמען וועט ער קיינמאל נישט גלייבן די גאנצע מעשה וואס איז געשען מיט די צוויי גוטע חברים! **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362-3234 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**